STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04841

SATIRISHE, TRAGISHE, KOMISHE SHRIFTN

Henry L. Levitt

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04841-0

D:\YIDDISH\TITLES\9780657048419T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

With best wishes

Henry L [illegible]

LEVITT PRINTING CO.
Ruth & Somerset Streets
Philadelphia, Pa. 19134

Dedicated to my dear wife Miriam

געווידמעט מיין ליבער פרוי מרים

אינדעקס

הגדה של פסח	1
ווארשעווער געהטא	12
די טרייב קראפט פון לעבן	15
וכל העם ראוים את הקולות	16
צוויי בריעף	18
באבא יאאר	24
מיין אמאליגע סוכה	26
דער חנוכה לעמפל	30
חנה מארקוס	33
שבעות	35
דריידל	37
א דראמאטישע סצענעביים סדר	41
דער טיק וואלד	44
זשאבאטינסקי	48
לכבוד מדינת ישראל	51
געדיינקסטו	52
מרים	54
מגילת נאסער	55

הגדה של פסח

פאַר אַ דריטען סדר

פון: הענרי ל. לעוויט

(נאָכדרוק פאַרבאָטן)

הא לחמא עניא

אָט דאָס איז די קבצנישע ברויט
ניט דערבאַקן, ניט דערקנאָטן
וואָס אין סאָוויעטן רוסלאַנד
איז עס שטריינג פאַרבאָטן.

כל דכפין ייתי ויכול

ווער עס וויל דאָרט
קען זיך מיט מצות באַנוצן
נאָר ער מעג ערוואַרטן
אין „חד גדיא" זיצן.

מה נשתנה

מיט וואָס איז פארענדערט געוואָרן
אַ אוראַדניק ביים צאַר
פון אַ קאָמוניסטישן
סאָוויעטסקן קאָמיסאַר.

(די ערשטע קשיא איז)

שבכל הלילות אנו אוכלין חמץ ומצה

אַן אוראַדניק האָט מען אָפגעקויפט
מיט אַ בולקע, אָדער אַ מצה
מיט אַ קאָמוניסטישן קאָמיסאַר
איז אַן עבירה די פראָצע.

(די צווייטע קשיא איז)

שבכל הלילות אנו אוכלין שאר ירקות

פאַרוואָס מוזן די אידן אין רוסלאַנד
שאָר ירקות עסען ?
ווייל דעם טעם פון פיש און פלייש
האָבן זיי שוין לאַנג לאַנג פאַרגעסן.

(די דריטע קשיא איז)

שבכל הלילות אין אנו מטבילין אפילו פעם אחת

פאַרוואָס טונקן קאָמיסאַרן
קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער ניט אַריין.
און לעבן ווי פריצים
פונקט ווי זיי וואָלטן מיליאָנערן זיין ?

(די פערטע קשיא איז)

שבכל הלילות אנו אוכלין בין יושבין ובין מסובין

פאַרוואָס אפילו זיצן
קען מען דאַרט ניט ווי איינעם געפעלט
נאָר אַלץ איז פאָ פריקאַזו
ווי קרושטשאָוו באַפעלט ?

(דער תירוץ איז)

עבדים היינו לפרעה במצרים

די אידן וואָס געפינען זיך
אונטערן סאָוויעטישן סיסטעם דעם נייעם
זענען פונקט אזוי פאַרשקלאַפט
ווי אונזערע עלטערן אין מצרים.

ואפילו כלנו חכמים, כלנו נבונים

איז ווי מען זאָל זיך ניט חכמענען
איז עס אַ ביטערע לאַגע
ווי לאַנג דאָס וועט אָנהאַלטן
אָט דאָס איז די פראַגע.

ואלו לא הוציא הקדוש ברוך הוא

ניין, עס העלפט ניט קיין חכמות
וואָס איז די פעולה
טאַקע נאָר הקדוש ברוך הוא
קען ברײנגען די גאולה.

מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אלעזר בן עזריה

מען דערציילט אַז עטליכע מאָסקווער
אידן האָבן פאַרבראַכט
און צוזאַמען שטילערהייט
אַ סדר געמאַכט.

הגיע זמן קריאת שמע של שחרית

און גענומען האָבן זיי אַהיים געהן
ווען איינער פון זיי האָט געזאָגט
יעצט וועט אונז קיינער ניט פאַרדעכטיגן
אַ דאַנק גאָט עס טאָגט.

כנגד ארבעה בנים דברה תורה

פון פיר דיקטאַטאָרס
ווערט אַ האַלבע וועלט קאָנטראָלירט
מיליאָנען מענשן ווערן
פון זיי רועגירט.

איינער נאָסער, אַ שוטה אַ נאַר
ער חלומט וועגן אַ פאַראייניקטע יו. איי. אַר.

דער צווייטער דער רשע
קאַסטראָ מיט דער בערדל
ווי ס׳ווייזט אויס, וועט ער לאַנג
ניט זיין אויפ׳ן פערדל.

דער דריטער ניקיטאַ
ער וועט מן הסתם
פאַרהאַנדלען מיט קענעדין
ער איז שוין גאָר ניט קיין תם.

און דער פערטער
דער שאינו יודע לשאול
איז טיטאָ - צווישן דיקטאַטאָרס
אַ קליינע פישל.

חכם מה הוא אומר?
נאַסער דעם חכם
וואָס מיינט אַז אַלץ ווייסט ער
ער באַרימט זיך - ער וועט נאָך זיין
אַן אַראַבישער קייסער.
נאָר כאָטש ער האַלט זיך פאַר אַ חכם
מיין איך, ער איז אַ דוראַק
אַ סימן אויב אירווילט
גיט אַ קוק אויף איראַק.

רשע מה הוא אומר?
און פיידל אַט דער
מיט דער צוקוטשמעטער באָרד
ער סטראַשעט - ער וועט מיסלס
ניט לאָזן רירן פון אָרט.
נאָר איהם הערן מיר
ווי דעם קאָטער
איין וואָרט פון ניקיטאַן
און פון איהם זענען מיר פטור.

תם מה הוא אומר?
און קרושטשאָוו באַלעבאַטשעט
ער דרייט אַ קאָפּ
דאָ איז ער אַ ניט גלויביגער
דאָ איז ער אַ שמעלקע מיט'ן פּאָפּ.

ושאינו יודע לשאול
און טיטאָ
דער שאינו יודע לשאול
איז ווי דער ווינט בלאָזט
אזוי דרייט ער מיט'ן דישל.

והיא שעמדה לאבותינו

נאָר איך פיל אַז עס האַלט
נאָך ניט אַזוי שמאָל
מיר וועלן זיי איבערלעבן
ווי די פרעה׳ס פון אַמאָל.
איך האָב בטחון
ס׳איז ניטאָ וואָס צו קלערן
מיט גאָט׳ס הילף
מיר וועלן פון זיי אַלע פטור ווערן.

צא ולמד

געה זיי אַ חכם
פאַרשטעה דעם געדאַנק
פון אַ קרושטאָוו אַ נאַסער
וואָס איז זייער פאַרלאַנג.
וואָס זיי פייניגען דער באַפעלקערונג
מוטשען זיי צום טויט
ניט אַנדערש אַז די צוויי
זענען היבשליך צודרייט.

אלו עשר מכות

פון די צען מכות
האָט די וועלט צו זינגען און צו זאָגן
און ביז מיר וועלען זיי ניט באַקומען
וועט די וועלט וויינען און קלאָגן.
1) מיסל׳ס; 2) אַטאָמס; 3) סיקרעט וואָפן;
4) איסט בערלין; 5) פעקין; 6) סאָוויעטסקע שקלאַפן;
7) סועץ; 8) אַראַבישע בלאָקאַדע;
9) קנאה און 10) שנאה אַ ודאַי און אַ ודאַי.

כמה מעלות טובות למקום

מיר טאָרן קיין מאָל ניט אויפהערן
דאַנקען גאָט
פאר זיין חסד
פאר זיין גענאַד.

וואָלטן מיר אין 48
געוואונען אין דער יו־ען
און ניט געקראַגען די צושטימונג
פון פרעזידענט טרומען

ד י נ ו

וואָלטן מיר טרומאַן׳ס צושטימונג באַקומען
און די אַראַבער ניט ביי־עקומען

ד י נ ו

וואָלטן מיר די אַראַבישע חילות באַזיגט
און זיי די אַראַבער וואָלטן צווישן זיך ניט געקריגט

ד י נ ו

וואָלטן די אַראַבער זיך רייסן און קריגן
און אין סיני וואָלטן מיר זיי ניט באַזיגן

ד י נ ו

וואָלט אונז גאָט געגעבן אַ בן גורין
און ניט דעם מיליטערישן גאון גענעראַל דיין

ד י נ ו

וואָלט ער אונז געגעבן
דעם גרויסן גענעראל
און ניט די הילף
פון טשאַרלס דע־גאָול

ד י נ ו

וואָלט ער אונז דע־גאָול׳ס
פריינשאַפט געגעבן
און ניט דעם צוטרוי
פון אַמעריקא זאָל לעבן

ד י נ ו

וואָלט ער אונז געגעבן
אַמעריקאַ׳ס צוטרוי
און ניט גאָלדע מאיר
די מערקווערדיגע פרוי

ד י נ ו

על אחת כמה וכמה —
אַז ער האָט אונז געגעבן

די מערהייט אין דער יו־ען
און די צושטימונג פון הערי טרומען
און די אַראַבישע חילות האָבן מיר באַזיגט
און די אַראַבער האָבן זיך געריסן און געקריגט
און אין סיני האָבן מיר אויך געזיגט
און ער האָט אונז געגעבן אַ בן גורין
און ער האָט אונז אויך געגעבן אַ גענעראַל דיין
און דע־גאָול׳ס פריינטשאַפט
און אַמעריקא׳ס צוטרוי
און גאָלדע מאיר די וואונדערבאַרע פרוי.
דאַרפן מיר נאָך אַמאָל זאָגן
אַ דאַנק דיר גאָט
פאר דיין חסד
פאר דיין גענאָד.

בכל דור ודור

עס איז ניט געווען די עפּאָכע
עס איז ניט געווען דער דור
ווען אונזער לעבן איז ניט
געהאָנגען אויף אַ האָר.

אַ פּרעה, אַ המן
אַ היטלער און נאָך
נאָר זיי האָבן אַלע
באַקומען זייער בראָך.

פעלקער זענען געקומען
פעלקער זענען פאַרביי
נאָר ישראל׳יק ער לעבט שטענדיג
עם ישראל חי!

ווען מען בלעטערט דורך
די וועלט געשיכטן
זעהט מען אַז שטענדיג
האָט מען געזוכט אונז צו פאַרניכטן.
דאַרום שרעקט מיר ניט אָפּ
נאַסער, כ'לעבן
מיר וועלן אי״ה איהם אויך
איבערלעבן.

לשנה הבאה בירושלים

מיר האָפן אַז גאַנץ ירושלים
ניט בלויז אַ חלק, אַ טייל
וועט אין גיכן באַלאַנגען
צו מדינת ישראל.

כי לו נאה, כי לו יאה

אין ישראל הערשט אַ צופרידענהייט
אַבוואָל שלום איז נאָך וויט
דאָך האַלטן מיניסטאָרן דאָרט
אַז שלום מוז דאָרט קומען פאָרט.
לאַנג לעבן זאָל אונזער מדינה
כי לו נאה, כי לו יאה.

גאָלדע מאיר איז גאָר אַ ברען
זי האַלט אין טענה'ען אין דער יו־ען
זי איז זיכער אַז שלום קומען וועט
און איז גרייט צו געהן אין אַ געוועט.
לאַנג לעבן זאָל אונזער מדינה
כי לו נאה, כי לו יאה.

חד גדיא - חד גדיא

אַ דונאַם לאַנד, אַ דונאַם לאַנד
געקויפט כסדר, נאָכאַנאַנד
האָט מיין זיידע פאַר אַ פאַר סענט
און געלייגט ישראל׳ס פונדאַמענט
געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט

חד גדיא, חד גדיא

זענען געקומען פון צייט צו צייט
חלוצים און חלוצות פון נאָענט און פון ווייט
געאַקערט, געזייט, כסדר נאָכאַנאַנד
געפלאַנצט, באַפרוכפערט דאָס שטיקל לאַנד
וואָס געקויפט האָט מיין זיידע פאַר אַ פאַר סענט
און געלייגט ישראל׳ס פונדאַמענט
געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט

חד גדיא, חד גדיא

זענען געקומען אידן פון רומעניע און פוילן
וואָס האָבן מער ניט געוואָלט אין גלות פוילן
און צוזאַמען מיט די חלוצים וואָס פון צייט צו צייט
זענען געקומען פון נאָענט און פון ווייט
און כסדר נאָכאַנאַנד
געאַקערט, געזייט, געמאַכט פרוכטבאַר דאָס לאַנד
וואָס געקויפט האָט מיין זיידע פאַר אַ פאַר סענט
און געלייגט ישראל׳ס פונדאַמענט
געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט

חד גדיא, חד גדיא

זענען געקומען משפחות
פון עסטרייך און גאַליציע
מיט ווינציג געלט,
נאָר מיט אַ סך אַמביציע
און צוזאַמען מיט די אידן פון רומעניע און פון פוילן
וואָס האָבן מער ניט געוואָלט אין גלות פוילן
און מיט די חלוצים וואָס פון צייט צו צייט
זענען געקומען פון נאָענט און פון ווייט
און כסדר און נאָכאַנאַנד
געאַקערט, געזייט, געמאַכט פּרוכטבאַר דאָס לאַנד
וואָס געקויפט האָט מיין זיידע פאַר אַ פּאָר סענט
און געלייגט ישראל׳ס פונדאַמענט
געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט
און אזוי איז פון אַ דונאַם
אין אַ פּאָר צענדליג יאָרן
אַ אידישע רעגירונג, אַ מדינה געוואָרן

חד גדיא, חד גדיא

האָבן די אַראַבישע שכנים געקוקט מיט קנאה
אויף דער קליינינקער, אידישער מדינה
וואָס געבויט האָבן משפחות פון עסטרייך און גאַליציע
מיט ווייניג געלט, נאָר מיט אַ סך אַמביציע
און די אידן פון רומעניע און פון פוילן
וואָס האָבן מער ניט געוואָלט אין גלות פוילן
און מיט די חלוצים וואָס פון צייט צו צייט
זענען געקומען פון נאָענט און פון ווייט
און כסדר און נאָכאַנאַנד
געאַקערט, געזייט, געמאַכט פּרוכטבאַר דאָס לאַנד
וואָס געקויפט האָט מיין זיידע פאַר אַ פּאָר סענט
און געלייגט ישראל׳ס פונדאַמענט
געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט

חד גדיא, חד גדיא

זענען געבוירן געווארן סאברים
ניט קיין גלות אידן
העלדישע קינדער
געזונט און צופרידן
בחורים, מיידלאך
מיט ענערגיע מיט מוט
פארמירט די הגנה
פארמירט דעם חירות
און צוזאמען באשיצט
די משפחות פון עסטרייך און גאליציע
וואס זענען געקומען אן געלט, נאר מיט א סך אמביציע
און די אידן פון רומעניע און פון פוילן
וואס האבן מער ניט געוואלט אין גלות פוילן
און מיט די חלוצים וואס פון צייט צו צייט
זענען געקומען פון נאענט און פון ווייט
און כסדר און נאכאנאנד
געאקערט, געזייט, געמאכט פרוכטבאר דאס לאנד
וואס געקויפט האט מיין זיידע פאר א פאר סענט
און געלייגט ישראל׳ס פונדאמענט
געבענטשט זאלן זיין זיינע הענט

חד גדיא, חד גדיא

צום 20טן יאָרצייט פון די קדושים
פון דער וואַרשעווער געטאָ

דאָס איז די וואַנט פון דער געטאָ
אַ צוים פון שטיין — פון שטאָל און פון דראָט
דאָס איז די וואַנט פון דער געטאָ
וואו צער האָט נאָכגעפאָלגט, טראָט נאָך טראָט.

• • •

דאָס איז די וואַנט פון דער געטאָ
אָבער וואו זענען די וואָס האָבן געקעמפט ביז׳ן סוף
און האָבן עקשנות׳דיג העלדיש און מוטיג
ניט געלאָזט זיך פירן צו דער שחיטה ווי שאָף ?

וואו איז דער רעש און דער טומל
וואָס האָט געשוועבט אין די קראָמען אַרום ?
וואו איז דאָס לאַכן — דאָס קינדערשע לאַכן ?
פאַרגליווערט איז אַלץ דאָרט — פאַרגליווערט און שטום.

וואו איז דער האַנדל און וואַנדל
פון מילע, פון גענשע, פון נאַליווקע גאַס ?
וואו איז דער לויפן — דער שטענדיגער לויפן
דער טומל דער רעש — דער ערנסט דער שפּאַס ?

וואו זענען יעצט די בתי מדרשים
וואָס האָבן די אידישע גאַסן באַשיינט ?
וואו זענען די צאַל־לאָזע וואַרשעווער דאַוונערס
וואו זענען זיי אַלע ? —וואו זענען זיי היינט ?

וויסט איז די געטאָ אַצינדער
קיין שפּור פון לעבן הינטער די ווענט
גאָרניט פאַרבליבן אויסער טראַדיציע
פאַר,שרפה׳ט איז יעצט די געטאָ פאַרברענט.

אַ שטילקייט אַ טרויער הערשט אין דער געטאָ
אַ שוויגענדער טרויער געוועלטיגט אַצינד
ניטאָ מער קיין סימן פון נעכטיגן לעבן
קיין סקריפּ — קיין שאָרך — נאָר דער יאָמער פון ווינט.

אין דער וואַרשעווער געטאָ אין יאָהר דריי און פערציק
צוזאַמען געפּרעסט ווי בהמות ווי שאָף
געלעבט האָט דאָרט די שארית ישראל
זייער איינציגע האָפענונג — דער אייביגער שלאָף.

געווען זענען אָבער אויך צאָל־לאָזע אידן
געקנאָטן פון אַ סך אַ שטאַרקערן טייג
זייער גאָט איז געווען דער גאָט פון נקמה
אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן — אַן אייג פאַן אַן אייג.

גוט געוואוסט האָבן די מוטיגע אידן
מיט זייער שכל, מיט זייער פאַרנעם
אַז זיי האָבן קיין אויסזיכט — אויף זיג, אויף נצחון
דאָך מוזן זיי קעמפּפען על קידוש השם.

אַ צושטאַנד פון קריג האָט באַפאַלן דער געטאָ
אַ קריג צווישן אַ לייב און אַ פליג
געוואוסט האָט דער פליג אַז דער לייב מוז דאָך זיגן
נאָר ער׳ט געפאָדערט אַ טייערן פּרייז פאַרט זיג.

אַ פּרייז וואָס וועט דעם שונא אויף הונדערטער דורות
מאַכן צו שאַנד — מאַכן צו שפּאָט
און ווי אַ לעגענדע וועט זיין די דערציילונג
פון קאַמפּף ביי דער וואַנט פון שטאָל און פון דראָט.

מיט וואָפן געמאַכט פון צינענע כלים
מיט באָמבעס געמאַכט פון פלעשער מיט נאַפט
געקעמפט האָבן זיי ווי טיגערס, ווי לייבן
מיט איבערנאַטירליכן כח און קראַפט.

ווער מיט אַ מעסער, ווער מיט אַ שטעקן
וועט מיט אַ קלעפּער, ווער מיט אַ דלאָט
געקעמפט האָבען אַלע — אַלע ווי איינער
אונטער דער וואַנט פון שטאָל און פון דראָט.

ערשטוינט איבעראַשט, איז דער שונא געוואָרן
אַ פאָר טויזנט אידן, האָבן אין קריג זיך געשטעלט
געגן אַ מאַכט וואָס האָפט צו באַהערשן
פעלקער און אומות, באַזיגן די וועלט.

געשיכטע ווידערהאַלט זיך

צווי בריעף —

געשיכטע ווידערהאָלט זיך

צווי בריעף —

פרעה צו נאסער'ן — נאסער צו פערה'ן

פרעה'ס בריעף

דזשון 1967

הער מיך אוים אבדול גאמאל
לייג גיט צו דיין הייער
ווייל די אלע צרות וואָס דו שטייסט אוים
בין איך שוין אויסגעשטאַנען פרייער.

א מאָדנער פאָלק, דער עם ישראל
פשוט ניט אויסצוהאלטן
אין קבר געהט מיר דורך א גרויל
א מין שוויים א קאַלטן.

פאַר די אויגן, שטייט מיר נאָך
משה, זייער קאָמאַנדיר
זיין חוצפה, זיין עקשנות
זיין פאָדערונג פון מיר.

א בעלנות פון א אידל
מיר, פרעה'ן זאָגן דעות
איך האָב איהם אויפן אָרט
בעדארפט אויסרייסן די פאות.

נאָר געטראכט האָב איך ביי זיך
דער בחור איז נאָך יונג
דערצו נאָך א געשטראָפטער
א זאאיקעדיגע צונג.

און וואָס מיינסטו וויל משה?
לאָז מיין פאָלק פריי געהן
פארשטייט זיך אז מיין ענטפער
געוועזן איז איין מאָל ניין.

ווי נאר איך האָב משה׳ן
ענטזאָגט איהם זיין פארלאנג
אז ער גיט א ווארף א שטעקן
און פון שטעקן ווערט א שלאנג

א צווייטן מאָל פארגלוסט זיך מיר
געהן באָדן זיך אין טייך
ויבא המן — משה איז דאָ
קומט מיר אנטקעגן גלייך

ווידער די זעלבע מעשה
לאָז מיין פאָלק פריי געהן
און, פארשטייט זיך אז מיין ענטפער
איז ווידער געוועזן ניין.

וואָס זשע טוהט יעצט משה
ער נעמט זיך אָן מיט מוט
ער גיט א ווארף זיין שטעקן
און דער טייך ווערט רויט מיט בלוט.

צען מאָל געפייניגט האָט ער מיר
פארפינסטערט מיר מיין לעבן
ביז איך האָב סוף כל סוף
געמוזט זיך אונטערגעבן.

איז ווי דו זעהסט גאמאל
ווייס איך וואָס דו שטייסט אויס
איך ווייס ס׳איז דיר א בושה
און דער ווייטאָג טאקי גרויס

נאָר איך זאָג דיר פון ערפארונג
מיט ישראל פאנג ניט אָן
ווייל ער וועט די באווייזן
באמת וואָס ער קען.

נו לאָמיר הערן גוטע בשורות
סיי איך סיי דו מיר ביידע
ווי עם וועגשט פון קבר דיר
דיין עלטער, עלטער זיידע

עיקר שכחתי — די היצן אין גהינום שרעקליך גרויס
2000 גראד אין שאָטן
טו ווער א מענש — וועסטו גאמאל
זיך דאָ אפשר ניט דארפן בראָטן.

צווייטער בריעף
יולי 1967

נאסער צו פרעה'ן

א דאנק דיר זיידע פאר דיין ראט
נאָר איך מוז דיר זיידע זאָגן
אז ס'איז שווער, באמת שווער
די צרות איבערטראָגן

נאָר לאָז מיר זיידעניו אַ צינד
א סוד פאר דיר אנטפלעקן
דיין משה ווי איך זעה
איז געקומען מיט א שטעקן.

איך האָב אויך א משה
נאָר ער קומט מיט קאנאָנען
און מאכט א חורבן איבעראל
מיט זיינע עראָפלאנען.

סיי טאָג, סיי נאכט, ער לאָזט ניט אָפּ
די ווילדע לופט אטאקעס
איין לופט אטאקע זיידעניו
וועגט איבער אלע עשר מכות.

איין גליק וואָס פאָניע העלפט ארויס
גיט אונז אמיוניציע
וויים איך אָבער זייער גוט
וואָס איז זיין אמביציע.

פאָניע טוט קיין זאך אומזיסט
איך קען גוט די קאצאפעס
פאָניע וויל אין מידל איסט
אריין מיטביידע לאפעס.

יע זיידעניו די משה'ס צוויי
וויא געקנאָטן פון איין טייג
מער ניט דיינער א זאיקע
מיינער מיט איין אויג.

און נאָך א זאך זיידעניו
מיין משה האָט זיך אין קאָפּ ארייינגענומען
ער וויל ניט אנדערש אז איך זאָל
אין גיכן צו דיר קומען

איך ווייס ניט זיידעניו ווי שנעל
ווען עס וועט געשעהן
נאָר מיר וועלן זיך מסתמא
גאָר אין גיכן זעהן.

פון די דיין אייניקל גאמאל
וואָס קלאָגט אויפ׳ן חורבן פון סועז קאנאל.

באבא יאאר

אין קיעוו די הויפטשטאט פון דער אוקראין
אויב דו זאלסט ווען פארבלאנזשען אאין.
גיי און באזוך דעם עמק הצער
דעם טאהל פון יאמער באבא יאאר.

נאר גורט זיך אן פריער מיט נערוון פון שטיין,
מיט גלאצלאזע אויגן, אן טרער אן געוויין,
א הארץ פון אייזן, א זעל פון שטאל,
דאן מורמער א תפילה דארט ביי דעם טאהל.

א הזכרת נשמות פאר מענער פאר ווייבער,
פארווייטאגטע הערצער, נעפייניגטע לייבער,
פאר עופעלאך, זויגענדע קינדער אין וויגן,
פאר צענדליגע טויזענדער וואס אין קבר דארט ליגן.

דאן גיי לאנגזאם שפאן נאך שפאן,
זוך אפשר ערגעץ וואו איז פאראן
א דיינקמאל, א צייגניס א מאנומענט,
מעגליך א פלאקאט, א דאקומענט,

ניין ניין, דוא וועסט קיין זאך דארט ניט זעהן
א חוץ אן אפגעריבענעם שטיין
א מין מצבה מיט אותיות גראווירט,
וואס קוים קוים דערציילט וואס דארט האט פאסירט

אז דא אין 1941 האבן
דיא נאצים א גאנצע קהילה באגראבן.

צובראכן. ענטויטשט, אן קיין שום ווארט
וועסטו ענדליך פארלאזן דעם ארט
פארביטערט, דערשלאגן, ענטוישט און פארוואודערט
ווי אזוינס האט פאסירט אין אונזער יאהר הונדערט.

און דיא הארץ פון אייזן און דיא גלאצלאזע אייגן
דיין גאנצער וועזן וועט זיך קאנוואולסיוו בייגן
פון צארן און פיין, ווי געשמיסן פון ווינד,
פון דאס וואס דוא האסט געזעהן דא אצינד.

מיין אמאליגע סוכה

יום כפור אריבער, א דאנקען ג־ט
דעם תענית כמעט שוין פארגעסן
נו גיב איך א טראכט פון די קינדערישע טעג
ווען איך האב מיר אין סוכה געזעסן

סוכה מיינט ביידל, ניין ס'איז קיין ביידל געווען
אזעלכע סוכות ניטא היינט קיין סך
יעדר וואנט מיט א ליילאך באצירט
דער דאך פון שמעקענדען סכך.

און פרישינקע פירות, די סוכה פארשמעקט
דער ריח באמת גן עדן
און כאטש דערווינט בלאזט, א ביסל צו שטארק
ווילט זיך פון סוכה ניט שיידן

אט טראגט שוין די מאמע דאס עסן אריין
אין סוכה הערשט יום טוב און פרידן
דער טאטע עסט לאנגזאם, און בעשעת מעשה ערקלערט
די באדייטונג פון סוכות ביי אידן.

ראשית, ערקלערט ער ווי וויכטיג עס איז
אז א איד זאל קיין מאל פארגעסן
אז מיר זענען א פאלק וואס געווען איז נע ונד
און גאנץ אפט אין סוכות געזעסן.

און יעצט נעמט דער טאטע דעם לולב אין האנד
און לאנגזאם נעמט ער ערקלערן —
דער לולב איז א סימבאָל פון אחדות הערט אויס
קינדער איך וויל איהר זאָלט הערן.

קוקט אָן דעם לולב — באטראכט עס נאָר גוט
עס באשטייט פון דריי טיילן
טו הערט זשע זיך צו מיט שכל מיט קאָפּ
דאָס וואָס איך געה אייך דערציילן

דער אתרוג און לולב הערט זיך גוט צו
באנעמט עס גוט מיט פארשטאנד
און דאן וועט איהר באמת פארשטיין
אז תורה און אחדות גייט האנט אין האנט

די טיילן דריי וואָס איך האָב דערמאָנט
זענען בלעטער, פון טייטלבוים, ווערבע און מערטע
נאָר וויכטיגע ווי די אלע דריי
איז דער אתרוג, דאָס איז א פערטע.

די טייטל בוים וועמעס פרוכט איז בעטעמט
האָט קיין שום ריח
די מערטע וואָס גיט קיין שום פרוכט
שמעקט א ריח ניחוח.

די ווערבע — דאָס איז גאָר אָן ריח און טעם
דער אתרוג — דאָס איז א געבענטשטע פרי
אי ס'איז בעטעמ'ט — און מחיה ווי ס'שמעקט
באמת א ברכה פון בורא.

דער טייטל בוים איז געגליכן צו יענם סאָרט איד
וואָס האָט א סך תורה געלערנט
דאָך איז ער פון מעשים טובים וויט
און וויל פון קיין מצוות ניט הערן.

די מערטע זי שטעלט מיט זיך פאָר
א גאנץ אנדער סאָרט אידן
וואָס קען ניט קיין תורה, דאָך מצוות טאָהן
איז ער שטענדיג גרייט און צופרידן.

די ווערבע געגליכן, ווי איהר זעהט
איז צו יענעם סאָרט בני ישראל
וואָס ניט ער האָט תורה געלערנט אמאָל
אין פון מצוות ווערט ער אויך ניט נתפעל.

פונקט דער היפוך איז דער אתרוג איהר הערט
ער האָט ריח און טעם ביידע
דער אתרוג באַטאַנט יענעם סאָרט איד
וואָס איז על התורה ועל העבודה.

דאָס קינדהער, לערט אונז גאנץ גענוי
אז בלויז אין אחדות קען זיין פרידן
אז ברידערשאפט הערשן מוז שטענדיג ביי אונז
חאָטש אין תוך זענען מיר היבשליך פארשידן.

אָט דאָס איז וואָס דער לולב באַטאָנט
ברידערשאפט אחדות פארשפרייטן
און נאָך א פונקט — א וואזשנערן פונק
באהילפיג זיין איינער דעם צווייטן.

א סך א סך יאָהרן זענען פאַרביי
זייער א סך יאָהרן
דאָך געדענק איך דעם טאַטן'ס ערקלערונג נאָך היינט
און די סוכה ליגט מיר אין זכרון.

דער חנוכה לעמפל

פלאקערן, ברענען ליכטעלאך אכט,
יעדע ליכטל האָט עפּעס צו זאָגן
אייניגע רעדן פון נסים, פון פרייד
די מערסטע פון יאָמער און קלאָגן.

די ערשטע ליכטל זי ברענט מיט שטאָלץ
וויא איהר פלאַם וואָלט וועלן מיטטיילן
אז די ליכטעלאך אכט וואָס שמעלצן זיך היינט
וועלן קאפּיטלאך היסטאָריע דערציילן.

די צווייטע ליכטל מיט אימפּעט זי ברענט
פון צאָרן ווייס איז איהר קנייט
איהר פלאַם פול מיט אנגסט,
איהר פלאַם פיל מיט כעס,
איהר פייער, פּורפּיר רויט.

מיין פייער, דערציילט ניט פון קיין שום נס,
פארקערט, ס'איז א קלאגע, געגן זיין ליבן נאָמען
איך ברען פאר הרוגים פון קעשעניאוו
און פון ביאַליסטאָקער פּאָגראָמען.

דיא דריטע ליכטל רופט זיך אָן
און אין מיר זאָלט איר קיין מאָל פארגעסן
איך ברען מיט שטאָלץ
פאר דעם עקשן — דעם איד
וואָס איז על נהרות בבל געזעסן.

איך ברען פאר די העלדן
פון בבל און רוים
וואָס האָבן אָן פּחד אָן מורא
זיך מקריב געווען על קידוש השם
נאָר א שפּאן ניט אוועק פון דער תורה.

א יישר כח, נאָר מיר אויך קומט א שבח
איבּ שבחים זענען פאראנען
רופט די פערטע ליכטל זיך אָן
איך ברען פאר שפּאניע'ס מאראנען.

קדושים וואָס האָבן גערן געברענט
זייער גלויבן ניט צו פארבייטן
איך ברען פאר מארטירער
פון סאוויל און מאדריד
אין טורקוואמאדא׳ס צייטן.

דאָס איז אלץ געווען אמאָל
רופט די פינפטע ליכט זיך אָן
מיין פלאם א מאָדערנעם קאפיטל באטאָנט
א אידישן באטאליאָן.

איך ברען פאר העלדן
פון גדוד העברי
וואָס האָבן דורך בליץ
און דורך דונער
געקעמפפט אז ישראל,
ווערן זאָל פריי
פאר א טרומפעלדאר
פאר א דוב גרונער.

נאָר די זעקסטע ליכט
איהר חלב טריפט שנעל
פליסט די זודיגע טרערן
זי רעדט מיט כעס
איהר שטימע איז קלאָר
אז די גאנצע וועלט
זאָל איהר הערן

מיין פלאם דערציילט
א קאפיטל וועלט שאנד
איך שעם זיך עס פשוט דערמאָנען
ווי די וועלט האָט געשוויגן
גלייכגילטיג געווען
צו דעם מאָרד פון זעקס מיליאָנען.

איך ברען אָבער אויך
פאר דעם העלדישן קאמפף
אויף נאליעווקע, גענשע און מילע
פאר די העלדן וואָס האָבן זיך מקריב געווען
איך ברען פאר ווארשע׳ס קהילה.

די זיבעטע ליכטל
זי וואַרפט מיט'ן קנויט
רופט אויס אזוי צו זאָגן
ווייזט אויס איהר'ט פאַרגעסן
ס'איז חנוכה היינט
לאָמיר אויפהערן וויינען און קלאָגן.

לאָמיר פאַרגעסן
די ליידן און פיין
די דורות פון האס
און פון שנאה
איך ברען מיט גדלות
איך ברען מיט שטאָלץ
לכבוד אונזער מדינה.

די ליכטל די אכטע
וואָס גוססט, אָט אָט
רעדט שטיל מע קען איהר קוים הערן
איך ברען פאר דער צוקונפט
א מאָרגן אָן זאָרג
וואָס מוז קומען ניטאָ וואָס צו קלערן.

א מאָרגן אָן שלאכט
א מאָרגן אָן שטרייט
א מאָרגן פון מענשן פרייע
ווען פאָלק געגן פאָלק
וועט ניט הויבן קיין שווערד
לויט דער זעהונג
פון נביא ישעיה

קנייטעלאך, פלעמעלאך, ליכטעלאך אכט
ווערן קלענער, שוואכער, מער דונקל
אָט ווי מע זעהט, דער יום טוב אוועק
דאָס לעמפל פארוקט באלד אין ווינקל.

צום 27טן יאָרצייט

פון חנה מארקום

א פשוט'ע אידינע איז זי געווען
קליין — די פלייצע געבייגן
געארבעט מיט אימפעט
קיין מאָל גערוהט
זי שטייט מיר נאָך איצט פאר די אויגן.

איך זעה איהר אין קיך —
איך זעה איהר אין סטאָר
וואו א קאָסטימער טוהט זי באדינען
געחשבון'ט די בילס ביז שפעט אין דער נאכט
שטענדיג געווען אויף באגינען.

נאָר ווי ס'פלעגט דער שבת אָנרוקן זיך
אָדער יום טוב, אָדער ראש חודש
דאן האָט די שכינה איהר פנים באלויכט
מיט א הייליגקייט מיט א מין קודש.

שטענדיג אָפען געווען איז איהר טיר
פאר יעטווידן איינעם אין נויט
א מצוה ערפילן — א טובה צו טאָהן
געוועהן איז זי שטענדיג גרייט.

צדקה פושקעס האָט זי געהאט
פאר ישיבות — פאר הכנסת כלה
און פרייטאָג בייטאָג — האָט זי קיין מאָל פארפעלט
א פאָר פענים זיי איינטיילן אלע

זוער רעדט נאָך קוים האָט זיך באוויזן ביים טיר
א משולח איהר זאָלט שוין ניט פרעגן
מיט כבוד, באגריסן פלעגט זיא איהם באלד,
זיין פושקע איהם טראָגן אנטקעגן.

אן אורח אויף שבת געווען איז א מוז
כמעט א חוק געוועזן
איהר פרייד בשעת זי האָט דעם אורח סערווירט
האָט מען לייכט אויף איהר פנים געלעזן.

די פשוטע יודינע וואָס איך באזינג
וואָס קומט מיר אָפט אין מיין חלום
געוועזן איז באמת א פרוי אָן א גאל
מיין שוויגער עליה השלום.

איך געדענק איהר באציאונג
צו אלט און צו יונג
איהר פריינדליכן שמייכל פאר יעדן
אונטער די פליגל פון שכינה האָף איך
רוהט זי דאָרט אין דעם גן עדן.

יע א פשוטע אידינע איז זי געווען
דאָך זאָג איך אָן קיין שום ספקות
אז איהר פשוטער לעבן איז באמת געווען
דאָס לעבן פון א צדיקית.

שבעות

גוט יום טוב רבותי
אויב איך מאך ניט קיין טעות
דארף די גאנצע וועלט פייערן
דעם יום טוב שבעות.

ווייל די עשרת הדברות
איז א געזעצליכע דעקלאראציע
ניט בלויז פאר אידן
נאר פאר יעדער אומה און נאציע.

ביז דאן זענען מענשן
געווען ווילד ווי חיות
קיין שום מאראל
קיין שום אחריות.

געהאט איין אינסטינקט
דעם הונגער צו שטילן
דעם הונגער, דעם דארשט
און זיין תאוה דערפילן.

דורך די עשרת הדברות
האט דער דזשיקאר פון וואלד
זעך דערוואוסט אז א מענש
טאר ניט לעבן פון גוואלד.

די עשרת הדברות
האבן דעם וואלד מענש געגעבן
איין עטישן אנבליק
ווי עס דארף א מענש לעבן.

ער האָט זיך דערוואוסט,
פון דעם ערשטן געבאָט
אז אלץ אויף דער וועלט
ווערט באהערשט פון איין ג־ט.

א גאָט וואָס זעהט
וואָס הערט — און ווייסט
א ג־ט וואָס באלוינט
וואָס שטראָפט און וואָס טרייסט.

דער מענש וואָס האָט פון עטיקס
ניט געוואוסט כמעט גאָרניט
האָט גענומען באגריפן
וואָס מע מעג — וואָס מע טאָר ניט.

אז ער טאָר ניט גנבהנן
ער טאָר ניט פאלש שווערן
ער טאָר ניט מאָרדן
יענעמ׳ס האָב ניט באַגערן.

איז זאָל עס די גוים
ניט זיין צו קיין בושה
מתן תורה איז ניט
בלויז אונזער ירושה

די תורה וואָס גאָט
האָט אונז אידן געגעבן
האָט אויך זיי געוויזן
ווי א מענש דאַרף לעבן.

ד ר י י ד ל

א מעשה'לע לכבוד חנוכה

איהר מיינט דאָך אז דריידל איז אויסדריקליך
א אידישע שפּיל — וואָס ווערט געשפּילט בלויז
אין חנוכה — מאַכט איהר א טעות.

דריידל איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּיל —
די גאנצע וועלט, אלע פעלקער, אלע אומות
שפּילן, דריידל — און ניט נאָר אין חנוכה
נאָר אלע טעג פון א גאנץ יאָהר.

מער ניט אונזער דריידל — כ'מיין די אידישע
דריידל איז לשון נקבה — די דריידל
זייער דריידל איז לשון זכר — דער דריידל.

למשל גיט א קוק אויף'ן רוסישן דריידל —
זייער דריידל באַשטייט פון איין וואָרט ניעט —
וואָס די ווייסט זאָגט — באַנוצן זיי דעם דריידל — ניעט
אויף אונזער לשון הייסט דער דריידל וויטאָ —

וואָס מיינט וויטאָ — וועל איך אייך ערקלערן —
איהר קענט רעדן און טענה'ן צוזעצטערהייד
פון היינט ביז איבער א יאָהר — און זיי ווייסן
אז אייער טענה איז לאָגישע און גערעכט.

און דאַן באַנוצן זיי זיך מיט זייער דריידל ניעט —
דאָס, כ'מיין ניעט — איז א סאָוועטישער דריידל.
לאָזן זיי אייך טענה'ן וויפיל איהר ווילט

יעצט גיט א קוק אויף דעם יו ען דריידל.

מצה
דאָס איז די צרה מיט אונזער דעמאָקראַציע
אז דו און איך דאַרפן זיין פּאַניע בראַציע.

מרור
ביים סדר קיין יחוס איז ניט שייך
דאָ ביים סדר זענען מיר אלע גלייך.

מצה
מע פרעגט ביי דיר? וואו צוויי איז ער א דריטער
איך וואַלט געשטומט ווי א פיש
ווען איך זאָל זיין אזוי ביטער

וויין
וואָס איז פאר א קריגן זיך ס'איז דאָך יום טוב הייינט
און בכלל מחלוקות'ן האָב איך פיינט.
נאָר אז מע שמועס'ט פון יחוס איז א לאדע קינד ווייס עס
אז א סדר איז קיין סדר ניט אָן די ארבה כוסות.

מצה
יעדר בעל דרשן דרשנ'ט פאר זיך
טו קוקט אריין אין די פיר קשיות אויף גיך
נו וואָס שווייגט איהר קוקט דאָרט אריין
מצות ווערט דערמאָנט דאָרט אָבער קיין וואָרט וועגן וויין.

חרוסות
און וואָס הערט זיך וועגן טונקן אין חרוסות?
וועגן חרוסות ווערט דערמאָנט
אָבער קיין וואָרט וועגן כוסות.

וויין
(אויפגערעגט)
שוטים — דאָס ערשטע זאך איז קידוש אויף וויין
און מיט וואָס לאדעט מען אליהו הנביא איין?
מיט דרך ארץ טוהט מען אליהו'ס כוס אָנגיסן
און מיט א כוס יין טוהט מען דעם נביא באגריסן.

מצה
(פילאָזאָפיש)

רבותי הערט זיך צו צו מיר
צו מחלוקות און קריגערייען איז ניטאָ קיין שיעור
שטים איך איין אז ביים סדר זענען ניטאָ קיין יחסנים.
דאָ זענען מיר אלע גלייכע מחותנים.
און אויב עס איז אַ יום טוב ביי אידן
מוז הערך אוים הערשן אחדות און פרידן.

(דער עפילאָג פון דער מעשה)

איז ווי נאָר די בעל הבית׳טע האָט דערלאנגט דעם עסן
האָבן אלע זייערע טענות פארגעסן.

און ווער זאָגט נאָך
ווען דער בעל הבית האָט געלויבט דעם וויין
און די מצה האָט ער געזאָגט קען גאָר בעסער ניט זיין.

און וועגן די חריין האָט ער גערעדט ווי א מבין א געניטער
הארב און שטארק, אָבער ניט צו ביטער.

און אזוי האָט ער יעדע זאך באזונגען
אפילו די זאלץ וואסער איז היינטיגע יאָהר געלונגען

און אלע ביים סדר האָבן געשפאסט און געלאכט
ביז עט עט וויט נאָך האלבע נאכט.

און אז ס׳איז געקומען צו חד גדיא
איז זאָל ג-ט מיר ניט שטראָפן
האָבן כמעט אלע ביים סדר געדרעמלט, געשלאָפן.

נאָר מצה — חרוסות, כרפס און וויין
האָבן געהוליעט — ווי ס׳וואָלט אָנפאנג אָוועגד זיין,

געדאנקט ג-ט פאר׳ן שלום געדאנקט ג-ט פאר׳ן פרידן
און זיך געוואונשן ס׳זאָל שטענדיג זיין שלום ביי אידן

און צוזאמן האָבן זיי אלע גענומן שרייען
לשנה הבאה בירושלים.

דער טיק וואַלד

(איבערזעצט פון ענגליש)

אריגינאל ביי לארענס האופ - אינדיע׳ס לאוו ליריקס

צי איך האָב דיך געליבט, ווער קען וויסן?
אָדער, אפשר האָב איך בלויז געוואָלט געניסן
פון טייך פון געלעגענהייט — וואָס האָט קיינע עקן
און דו, האָסט באַוויזן אין מיר צו ערוועקן
אַ ביינקשאַפט אַ פארבאָרגענע, וואָס מ׳קען ניט איינצאַמען
נאָר עס ברענט און פארצוקט אונז אין העלישע פלאַמען
ווער קען וויסן?

דער לעבן איז אַ פאַרבאָרגענע, האַרטנעקיגע זאַך
מיר האָבן געהערט קירכן גלעקער קלינגען אַ סך
די פארהייראטע קינדער פארבייגיין, מיט געזאַנג
דער חודש פון הייראַט — פון פרילינג׳ס פארלאַנג
האָט מיט שמעקענדע בלומען געאָטעמט געדיכט
בלומען וואָס בליען אין שמעלצענדע ליכט
און, אונטער אַ הימל לויטער און בלוי אָן אַ שיעור
בין איך געקומען צו דיר!

האָסט מיר דערציילט געשיכטעס פון דיין מונטערן לעבן
וואו טויט איז גרויזאַם, און געפאַר טוט שוועבן
פון טיף שווארצע וועלדער, פון פאַרגיפטיקע פלאַנצן
פון ליידן וואָס פרירן און פארצוקן אונז אין גאַנצן
פון זידליכע טעג, און מזרח נעכט, פארגאנגען
אין ווילדער ליבע, מיט מאָדנע פאַרלאַנגען,
וואו מענער פלעגן מאָרדן — און מיידלאך פלעגן טאַנצן
ביז איך בין ליגן געבליבן אין גאַנצן,
שטיל און ענציקט, דאַן ווי אַ שוואַלב געשווינד
דיין מויל געקושט אַצינד.

איין נאַכט ווען אויף די פעלדער האָט בלוט זיך געגאָסן
און די ליכט פון זון אונטערגאַנג האָט מיט רויטקייט געפאָלסן
האָבן מיר געוואנדערט אונטער יונגינקע טיק בוימער אַצינד
בוימעלאך וועמענס צווייגן האָבן געיאָמערט צום ווינט.

דו האָסט מיך צום וואסער ברעג געפירט אַקאָרשט
צום קוואל וואו לעמפּערטן שטילן ביינאכט דעם דאָרשט
האָבן מיר דען זעלן פון חיות אין געשטאַלט פון מענשן קינד?
איך וואָלט גערן דיין לעבנס בלוט פארזוכט אַצינד.

די נאַכט איז ערשינען פלוצים — אַט די פלוצימדיגע לאַנד
לאָזט אונז קיין מאָל ניט געניסן פון דעם דונקל שטראַנד,
צווישן טאָג׳ס ליכט ברעג און אָקעאַנישע נאַכט
נאָר נעמט — פונקט ווי עס גיט — מיט אַמאָל דאָס פּראַכט.

מיר האָבן זיך געלייגט אויף אַ באַרג אַ הייכן
דער געוויין פון די פּאַווע האָט אונז גענומען דערגרייכן
אויך האָבן מיר גענומען הערן באַלד
גנב׳ישע טריט פון חיות פון וואַלד

מיר האָבן זיך צוגעהערט ניט וויסענדיג זייער געדאַנק
צו ס׳איז ליבע — אָדער פרעסען זייער פערלאַנג.
איז ווען דו האָסט מיר געקושט דאַן — ווי מיר שיינט
האָם איך ניט געוואוסט צו איך ליב דיך — צו האָב איך דיך פיינט.

אָבער דיינע קושן זענען געווען פייער — און דיינע ווערטער פלאַמען
און ווער קען אַ שטאַרקן פאַרלאנג איינצאַמען?
ניט איך וועמענס לעבען איז אַ צובראָכענע שיף
אויפ׳ן ים פון ליידענשאַפט, וואָס שווימט אין דער טיף,

איז צו קום איך אין ליבע אָדער האַס — יעדן פאַל
קום איך — ווייל אזוי איז באַצייכענט אין אונזער שיקזאַל
אין יעדן שטריך פון בלוט רויטן הימל אליין
אין יעדן טאָן פון דער פּאַוועס געוויין.

מיט יעדן שאָרך פון דער דזשאָנגל נאַכט
האָט זיך צובלאָזן דער פלאַם וואָס דו האָסט געמאַכט
ווייל די זאַכן האָבן דאָס קראַפט צו צורייצן דאָס בלוט
און באַפעלן אונז צו זייער אייגענעם צופעליגן געמיט

איז יע ליבן, ניט ליבן, מיר האָבן קיין דעה, סתם
פונקט ווי אַ קרייזל פון אַ כוואַליע צו פאַרלאָזן דעם ים.

שטענדיג טוען אונז צו קנעכטשאַפט פירן
די זונען וואָס ברענען, די ווינטן וואָס פּירן.
די זיסע ריחות, פון דער היצענדער לופט
פון דעם ווייטן געשריי פון דער חיה וואָס רופט,
האָט די צופעליגע זאַכן באַהערשן אונזער לעבן
נידערן אונז צום אָפּגרונד — אָדער צום הימל אונז דערשוועבן

איז צו האָב איך דיך ליב — וואָס גייט עס דיר אָן
און ווער ניט פאַרצערט פון דעם דאַנקלאָזן טאָן
מיינע קושן אַמווינציגסטן טוסטו דאָך קענען,
וואָס גייט עס דיר אָן, צו זיי פּרירן, צו זיי ברענען
פון דיינע פרירענדע הענט פיל איך די קראַפט
וואָס אַרט מיר צו היילונג, אָדער שמערץ עס פאַרשאַפט?

דו ביזט קלוג: נעמסט וואָס די געטער האָבן געשיקט,
פרעגסט קיינע קשיות, דאַן רוסטו דערקוויקט
און איך, צו נעמען דיינע קושן, בין מיט דיר
און מעגליך אז דו ביזט מיר טייערער דאַפיר

ווייל קלוגשאַפט מיינט — לעבן — און ליבן
און נעמען וואָס דער שיקזאַל, אָדער די געטער גיבן
ניט פרעגן קיינע קשיות — קיינע תפילות, נאָר
קושן דיינע ליפּן און גלעטן דיינע האָר
צו יאָגן די ליידענשאַפטן — און באַשליסן געשווינד
צו האָבן — צו באַזיצן — דאַן פאַרוואַרפן צום ווינט!

איז דאָס אונזער באַשלוס, וועלן מיר צוזאַמען קלעטערן
און רוען אויף די בערג דורך שטורמדיגע וועטערן
און זען ווי די הימלען ווערן בלאָס — דאַן אַנגעצונדן
און יעדער שטערנדל אין הימל ווערט פאַרשוואונדן
ווייל אויב דער מאָמענט טוט אונז ליבע און פרייד געבן
וואָס נאָך קענען מיר פאַרלאַנגען פון לעבן?

נאָר צו האָב איך דיר ליב — ווער קען זאָגן?
אָדער אפשר האָט דיך דער שיקזאַל פאַרטראָגן
פאַרביי מיין וועג, אין דעם טייך פון אויסבייט און צופאַל
מיט דיין מידן פּנים, מיט דיינע מעשיות אַ קוואַל

און אָנגעצונדן מיין זייל מיט א פארבאָרגענעם פלאַם
צו אַ ליידענשאַפט וואָס האָט גאָר קיין נאָמען סתם ?
ווער קען זאָגן ?

ניט איך ווען מענס לעבן איז אַ צובראָכענע שיף
וואָס איז צופרידן צו שווימען — סיי אויבערפלעכל
און צום גענוס פון ליבע זיין אַ קנעכט
צווישן צוויי נעכט.

זשאבאטינסקי

אלס געוועזענער לעגיאנער אין זשאבאטינסקי׳ס לעגיאן „הגדוד העברי" האב איך געהאט דעם זכות איהם צו קענען.

דיא פאלגענדע צוויי זייטלאך באשטעטיגן
זיין פראפעטישע גרויסקייט.

תל אביב מאי 1967

זשאבאטינסקיס נבואה

ווער וואָלט זיך מיט א האלבן יאָהר הונדערט צוריק
געחלום'ט פון אזא אונבאשרייבליכן גליק

אז מיר לעגיאָנערן וואָס האָבן געקעמפט פאר פאלעסטינא
וועלן פייערן אונזער יובל אין אונזער אייגענער מדינה.

איך געדיינק זייער גוט יענע שטורמיגע טעג
ניט מיט בלומען באדעקט, איז געוועז אונזער וועג

איך געדיינק ווי אין א סך א סך מקומות
האָט מען אונז באטראכט ווי אינגלאך מיט פוסטע חלומות.

ניין דאָס זענען קיין פוסטע חלומות געווען
ווען מען באגרייפט וואָס זינט דאן איז געשעהן.

אָט די אינגלאך, די פוסטע טרוימער
האָבן געמאכט מעגליך א מדינה מיט היימען מיט בוימער

מיט גערטנער, פאבריקן, וועלדער און פעלדער
מיט אייגענע מארקעס, מיט אייגענע געלדער.

דער פוסטער חלום — איז פארווירקליכט געוואָרן
מיט א כנסת מיט א נשיא, מיט אידישע מיניסטאָרן.

און עס קומט מיר אויפ'ן זכרון זשאבאטינסקי עליו השלום
וואס האט קיין מאל ניט באטראכט דעם לעגיאן ווי א חלום.

ווען ער האט געזאגט

ווייט ווייט אוועק — ביי זיך אין דיין בית
וועסטו אמאל לעזען וואונדערבארע נייעס

פון א פריי אידיש לעבן און פרייע אידישע שטעט
פון אידישע פאבריקן פון א אידישן אוניווערסיטעט.

פון א אידישן פארלאמענט פון אידישע דעפוטאטן
פון אידישע מיניסטארן פון אידישע דיפלאמאטן.

דאן וועסטו זיך באטראכטן וועגן דער באדייטונג
פון אט די נייעס וואס האסט נאר וואס געלעזן אין צייטונג.

אין זכרון וועסטו פלוצלום דערזעהן
א מדבר בילדביים עמק הירדן

און נאך בילדער וועסטו דערזעהן
פון די הרי אפרים — פון אבועין

דאן וועסטו זיך אויפשטעלן צום שפיגל צוגעהן.
מיט שטאלץ וועסטו זיך אנקוקן אליין

א שפרונג טאן צו „אטענשאן" זיך זעלבסט סאלוטירן
ווייל דו האסט עס געמאכט מעגליך מיט דיין וואלונטירן.

לכבוד מדינת ישׂראל׳ס 23טן יאהר

תהלים כג

אז גאט איז מיין פאסטאך וואס האב איך צו זארגן.
ער גיט מיר בטחון אויף א שענערן מארגן,
ער מאכט מיר רוען אויף פעלדער גרינע,
גראזיגע פעלדער אין מיין אייגענער מדינה

ער פירט מיר צו וואסערן לויטער און ריין,
יעדער טראפן מיר טייער איז, עס איז מיין ירדן
ער דערקוויקט מיין זעל דורך פליסענדע שטראמען
צוליב זיין הײליגן נאמען

אפילו ווען איך גיי אין טאהל פון טויט-שאטן,
געגן א שׂונא וואס וויל מיר אויסראטן,
שרעק איך זיך ניט פאר דעם שׂונא דעם בייזן,
ווייל דוא בינסט מיט מיר, דוא וועסט מיר ערלייזן

דיין אנליין גאט און דיין שטעקן
מוט און גבורה אין מיר זיי דערוועקן.

דוא מאכסט גרייט פאר מיר א געדעקטן טיש
ווען מיין שׂונא איז מיר געגנאיבער,
מיט אויל באזאלבט האסטו מיין קאפ,
מיין כוס עס פליסט אריבער.

בלויז גוטס און חסד זעה איך פאר זיך
אין מיין לאנגן לאנגן וועג,
און איך וועל זיצן אין גאט׳ס הויז
אויף לאנגע, לאנגע טעג.

גערדיינקסטו?

גערדיינקסטו ווען איך האָב דיר ליבע געשוואָרן
און דו איבעראשט ביזט פאררויטלט געוואָרן?
געדיינקסטו דעם קוש, וואָס דו האָסט מיר געגעבן
און באוויליגט ווערן מיין חבר אין לעבן!

געדיינקסטו דעם הארציגן, זיסן מאָמענט?
אין מיר האָט א פלאם, א נר תמיד געברענט
א פלאם וואָס האָט נאָך אויף קיין רגע פארשוואונדן
זינט דאן ווען דו האָסט עס אין מיר אָנגעצונדן!

געדיינקסטו די טעג — יענע גליקליכע טעג
ווען מיר האָבן געפלאנט אונזער לעבען׳ס וועג?
די זיסע חלומות, דעם גאָלדענעם טרוים
וואָס פארליבטע, און קינדער פארגינענען זיך קוים?

געדיינקסטו די טענער די זיסעם מוזיק
געשאפן מיט יידן צי פון דעם סמיק?
היפנאָטישע קלאנגען פון פידל און פלייט
וואָס פילט אָן דאָס הארץ מיט פאטאס און פרייד

געדיינקסטו די געטליכע הארפן קלאנגען
וואָס פילט אָן דאָס הארץ מיט נשמה פארלאנגען?
געדיינקסטו די טענער — די זיסע מוזיק
וואָס האָט אונז באגייסטערט — וואָס האָט אונז ענציקט?

איך געדענק יעדן ניגון וואָס זיי האָבן געשפּילט
טענער וואָס האָבן צום הארצן געצילט
איך געדענק יעדער שטעגל גרעזל און בוים
וואָס האָט ווי מיט כּישוף געשפּונען מיין טרוים.

איך געדיינק אויך דעם טאָג, ווען דו האָסט געשוואָרן
דעם גליקליכן טאָג, ווען ביזט מיינע געוואָרן?
צענדליגער יאָרן זינט דאן שוין פאַראיבער
נאָר צייט מאכט דיר טייערער, צייט מאכט דיר ליבער

יאָרן א סך זענען פארלאָפן, פארפלויגן
נאָר נאָך אמאָל שווער איך כּל זמן מיינע אויגן
זיינען אָפן, כּל זמן אין מיר שלאָגט אן אן אבר
וועל איך דיר ליבן — ביז דעם קבר

צו מיין מרים

די נאכט ס׳ע נעמט מיר ניט קיין שלאָף
און מחשבות — אָהן א סוף
בילדער — סצענעס אָן א שיעור
נאָר מעהר פון אלעם זעה איך דיר.

ווייל ווי איך מאך אן אויג נאָר צו
אין די געדאנקען ערשיינסטו
דיין צארט, דיין זיסקייט זיפ איך איין
און ווי א קינד — שלאָף איך איין.

מיט דער וועלט מאך איך דאן שלום
און דו קומסט ווידער מיר צו חלום
און אזוי אָהן דאגות, און אָהן זאָרגן
שלאָף איך איין ביז ס׳קומט פרימאָרגן.

און ווען דער מאָרגן טוט ערשיינען
מיט זיינע דאגות — זיינע פיינען
מיט זיין יאָגן — מיט זיין האסט
מיט זיין טרחה — מיט זיין לאסט

בענק איך ווידער נאָך דער נאכט
ווען כ׳וועל ווידער זיין פארטראכט
אין חלומות אָהן א שיעור
חלומות, טרוימען נאָר פון דיר.

מגילת נאסער

א פורים מעשה'לע

מגילת נאסער

ויהי בימי גאמאל נאסער:

וועז נאסער האט געוועלטיגט איבער מצרים,
און הוסעין האט געקעניגט איבער אלט ירושלים,
איז צום נײנצעטן יאהר פון ישראל׳ס הערשאפט
האט גאסער געוואלט זיך בארימען מיט קראפט,

האט ער פארופן א סאמיט פון אראבישע פרעמיערן,
און מיט גדלות און שטאלץ גענומען ערקלערן
אז ס׳איז ניט קיין פוסטע בארימעריי סתם,
ער איז בכח די ישראלים דערשטופן צום ים.

מיט באגייסטערונג האבן די אפענדים נעשריגן הוראה,
געקניט און געבוקט זיך, און געדאנקט אללאה,
אבוואל זיי האבן אין הארצן געפילט אי זארג אי קימער,
זיי האבן געוואוסט אז נאסער איז א גרויסער בארימער.

ובמלאות הימים האלה:

נאך׳ן סאמעט האט נאסער געהאט א געפיל
אז ער האט זיך בארימט א ביסעלע צופיל.
דער נאר האט איהם געשטופט צו פלאפלען פון זיג,
יעצט האט ער קיין ברירה, זיי ערווארטן א קריג.

כי טוב לב המלך ביין.

פארשיכורט פון די קאמפלימענטן פון סיריע און אלזשיר,
וואס האבן אפלאדירט איהם אן א שיעור,
האט נאסער באשלאסן אויף א קריג פון ניערוון.
ער האט ארויסגערופן זיינע רעזערוון,

פארפלייצט דעם גרעניעץ מיט מיליטער
זאלן זייא זעהן אז ער, נאסער איז ניט אבי ווער.
זאל די וועלט זעהן אז ער מיינט מלחמה,
חאטש באמת איז אין פיאטע געוועז זיין נשמה.

איז נאסער געפאלן אויף א נאר וואזשנעם פלאן,
א מחשבה פון א באמת פארצווייפלטן מאן.

דער פלאן: ער האט פשוט באפוילן זייגע גענעראלן
צוווארטן ביז ישראל וועט אויף מצרים אנפאלן,
ווייל דיפלאמאטיש האט ער געטראכט וועט זיין בעסער
אויב ישראל וועט ערקלערט ווערן אלס דער אגרעסאר.

האבן זייא דיא גענעראלן געזאגט צו נאסערן,
דוא ערקלער אקאבא אלס עגיפטישע וואסערן,
און אז ישראל טאר דארט ניט נאוועגירן,
פרוביר, וואס קענסטו דאביי פארלירן?

נאסערן איז דער פלאן שטארק געפעלן,
ערשטענס וועט עס איהם אלס העלד ארויסשטעלן,
צווייטנס: אפשר וועט דערווייל א נס געשען,
אפשר וועט זיך אריינמישן דיא יו ען?

אדער דיא גרויסמעכטע וועלן אפשר א פשרה מאכן
אז זייערע סאלדאטן זאלן דעם גרניעץ באוואכן?

אחר הדברים האלה:

נאך דעם ווי אקאבא איז געשלאסן געווארן.
איז ישראל אריין אין גרים צארן.
די כנסת האט בעשלאסן אז מדינת ישראל
מוז אצינד לערנען בלק מיט די בני ישמעאל.

איש יהודי היה

איינער פון ישראל׳ס העלדישע זיהן,
איז געוועזן גענעראל יצחק ראבין,
ראבין האט געוואוסט אז דערשטופן צום וואנט
וועט ער דעם שונא מיט לופט אויבערהאנט.

ולא הגיד הוסעין:

ביז יעצט האט דער קעניגל פון ירדן,
דער פאפעט קייסערל, קינג הוסעין,
פארזיכערט ישראל אז ער בלייבט נייטראל
ער וועט זאך ניט שלאגן פאר קיין שום פאל.

אין דער זעלבער צייט האט ער נאסערן צוגעזאגט
ער וועט קעמפפן געגן ישראל, מיט וואס ער פארמאגט.

בימים ההם הוסעין יושב באמאן:

צו זיין זיכער מיטן צחאג פון קינג הוסעין,
האט נאסער געהייסן בראדקעסטן איבער ירדן:
אז תל אביב איז געפאלן, די גאנצע שטאט ברענט.
אז האלב ישראל איז אין מצרישע הענט.

די נייס האט הוסעינען מוט צוגעגעבן,
גראנדיאוזע פאנטאזיעס האט ער גענומען וועבן
ער האט געזעהן ירדן יעצט אלס א היבשע מדינה
און זיך אלס קעניג פון גאנץ פאלעסטינע,

ויצא הוסעין ביום האוה שמח וטוב לב:

אין דעם מאמענט איז הוסעין געווען פריילאך
ער האט זיך געזעהן פלוצלונג אלס א וואזשנעם מלך:
תל אביב איז אין פלאמען, עס וועט חרוב ווערן
און ירושלים וועט זיין זיינע ניטא וואס צו קלערן,

אבער אין איין רגע איז דער חלום געווען אויסגעדראשן,
אלע זיינע האפענונגען אויסגעלאשן,
איבער אמאן׳ס הימל האבן זיך מיט א מאל באוויזן
ישראל׳ס עראפלאנען ווי פארפליגטע ריזן,

באמבארדירט ירושלים מיט דער שנעלקייט פון א בליץ
אז געטראכט האט הוסעין, ניט אנדערש ס׳איז א וויץ.
די עראפלאנען האבן באמבארדירט אויף א מייסטערהאפטן אופן:
ווי מייז האבן די אראבער גענומען לויפן.

אויף לויפן זענען זייא עקספערטן אוי לויפן זייא גיך,
ווער רעדט נאך ווען זיי טוען אויס די שיך,
אזוי האט זיך פארענדיקט נאסער׳ס טרוים.
די אראבער זענען ארויס מיט׳ן לעבן קוים

און ירושלים פאראומרייניגט פאר ניינצן יאהרן.
איז יעצט אויף אייביג ישראל׳ס געווארן.

וליהודים היתה אורה ושמחה:

אידן האבן זיך געגומען משמח זיין,
געטרונקען בראנפן, געטרונקען וויין,
געטאנצט אין די גאסן, געשריגן הוראה,
געהוליעט, געשיכורט' עד לא ידע.

מיין מגילה איז געענדיגט, איהר קענט דריגגען דערפון
אז פורים מעג מען פייערן אויך אין דזשון.